**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/03/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול, מעיאר בראון און די 5/14 דענקמאל קאמיסיע אנאנסירן איינלאדענונג פאר פארשלאגן פאר דעזיין געדאנקען פאר פערמאנענטע דענקמאל

***איינלאדענונג פאר פארשלאגן פאר דעזיין געדאנקען איז קומענדיגע שטאפל אין פובליק באטייליגונג קאמפיין***

***זעהט איינלאדענונג פאר פארשלאגן [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול, מעיאר בייראן וו. בראון און די 5/14 דענקמאל קאמיסיע האבן היינט אנאנסירט אן איינלאדענונג פאר מענטשן ארייננצוגעבן זייערע געדאנקען פאר די דעזיין פון א פערמאנענטע 5/14 דענקמאל. די קאמיסיע ווענדט זיך צו מענטשן אין יעדע עלטער און פון סיי וועלכע הונטערגרונט צו ארייננגעבן געדאנקען פאר די דעזיין קאנצעפט. די איינלאדענונג פאר פארשלאגן וועט זיין אין א צוויי-שטאפלדיגער פראצעדור: די ערשטע חלק איז אן אפענע געלעגנהייט פאר יעדן ארייננצוגעבן געדאנקען כדי צו זעהן די אלגעמיינע קאנצעפטן און טרעפן פאטענציאלע הויפט דעזיינערס פאר די דענקמאל. א קורצע ליסטע פון פארשלאגן וועלן אויסדערוועהלט ווערן צו ארייננגעבן זייערע עמטליכע דעזיינס זיך רעכענענדיג מיט די עכטע לאקאציע און די געשאצטע קאסטן אויף א פראפעסיאנאלן אופן.

"מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן אונזערע צען שכנים אין באפעלאו וועלכע זענען זינלאז אויסגעשחט'ן געווארן בלויז צוליב זייער הויט קאליר, און מיר בלייבן פעלזן-פעסט מיט אונזער פארפליכטונג צו שטיצן די איסט באפעלאו קאמיוניטי אזוי ווי זיי זעצן פאר זיך צו היילן פון די שוידערליכע און ראסיסטישע אקט פון טעראר", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין דאנקבאר פאר מעיאר בראון, מיטגלידער פון די 5/14 דענקמאל קאמיסיע און פאר די פובליק פאר זייערע אנגייענדע באמיאונגען צו באערן די לעבן און שאפן פון די וועלכע זענען אומגעקומען און אזוי אויך די אין די קאמיוניטי וועלכע זענען אפעקטירט געווארן פון די טראגעדיע."

**באפעלאו מעיאר בייראן בראון האט געזאגט,** "זינט די אנהויב פון דעם פראצעדור איז אונזער ציהל געווען צו אויפבויען א לעבעדיגע דענקמאל וואס וועט באערן די לעבנס וועלכע זענען אוועקגענומען געווארן און די לעבנס וועלכע זענען אפעקטירט געווארן דורך די אכזריות'דיגע אקט פון האסע. איך קוק ארויס צו זעהן אלע דעזיין געדאנקען וועלכע וועלן ארייננגעגעבן ווערן דורך די פובליק. איך בין שטאלץ מיט די ארבעט וואס די 5/14 דענקמאל קאמיסיע האט געטוהן אין לויף פון די עטליכע פארגאנגענע חודשים צו בויען א דענקמאל וואס שפיגלט אפ די וואונטשן פון די פאמיליעס און די קאמיוניטי."

געדאנקען וועלן אנגענומען ווערן אנגעהויבן פון נאוועמבער 1 ביז דעצעמבער 1, 2023. די פארשלאגן אין שטאפל 1 וועלן איבערגעקוקט ווערן, און די מענטשן וועלכע מאכן עס צו די קורצע ליסטע זיך צו קענען באטייליגן אין שטאפל 2 פון דעם פראצעדור וועלן אויסגעקליבן ווערן ביז יאנואר 23, 2024. די איינלאדענונג פאר פארשלאגן קען געזעהן ווערן [דא](#).

**5/14 דענקמאל קאמיסיע טשעירמאן, מארק ע. בלו, האט געזאגט** "מיר זענען עכט באגייסטערט מיט די פארשריט וואס מיר האבן געמאכט ביז יעצט, און מיר קוקן ארויס צו זעהן די דעזיין געדאנקען אריינקומענדיג. איך בין דאנקבאר פאר די פובליק פארן זיך באטייליגן אין אונזערע קאמיוניטי באטייליגונג געשעענישן און פארן ענטפערן אויף אונזער סורוועי."

פריער היי יאר האבן גאווערנער האקול, מעיאר בראון און די 5/14 דענקמאל קאמיסיע אנאנסירט די אנהויב פון א פובליק באטייליגונג קאמפיין וואס האט אריינגערעכנט פובליק באגעגענישן און א קאמיוניטי סורוועי. די 5/14 דענקמאל קאמיוניטי סורוועי איז נאכאלץ אפן און גיבט א טשאנס פאר די פובליק צו מיטטיילן זייערע געדאנקען און געפילן איבער די אייגנשאפטן און עלעמענטן וואס זאלן אריינגעלייגט ווערן אין די 5/14 דענקמאל. עס וועט זיין אפן ביז נאוועמבער 1. פאר מער אינפארמאציע איבער די 5/14 דענקמאל קאמיסיע און פאר די 5/14 סורוועי באזוכט www.514memorial.com.

**5/14 דענקמאל קאמיסיע**

די קאמיסיע איז אויפגעשטעלט געווארן אין אקטאבער 2022 דורך גאווערנער האקול און מעיאר בראון אין רעאקציע צו די מאסן שיסעריי ביי א Tops Friendly Market געשעפט אויף Jefferson Avenue אין מאי פון 2022. די 5/14 דענקמאל קאמיסיע באשטייט פון עלף מיטגלידער, פינף פון זיי באשטימט דורך די גאווערנער, נאך פינף באשטימט דורך סיטי אָוו באפעלאו מעיאר בייראן בראון און איין פארזיצער באשטימט דורך ביידע צוזאמען. באפעלאו NAACP פרעזידענט, גייסטליכער מארק ע. בלו, דינט אלס פארזיצער פון די קאמיסיע מיט אנדערע מיטגלידער אריינרעכנענדיג פאמיליע מיטגלידער פון קורבנות און איבערלעבער, איינוואוינער, לאקאלע ארטיסטן און ביזנעס פירער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן